STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02949

DI LEYZUNG FUN DER YIDN-FRAGE IN SOVETN-FARBAND

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי

די לייזונג פון דער אידן-פראַגע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

דער באַדייט פון בירא-בידזשאַן



אַרויסגעגעבן פון „איקאָר“
1 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק

פרייז 3 סענט

209

דער באַדייט פון בירא־בידזשאַן

בעת די יובילײ־פייערונגען צוליב דעם אידישן ישוב אין בירא־בידזשאַן, האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די יובילײ יום־טובים מיר באַוויזן דעם כבוד און האָט מיך אויסגעקליבן צו זיין זיין ערן־פּאָרזיצער.

דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט זיכער געוואוסט, אַז מיינע פאַרדינסטן פאַר דעם בוי פון דעם אידישן לאַנד אין בירא־בידזשאַן זיינען נישטיגע. אָבער דעם כבוד האָב איך אפשר פאַרדינט דערמיט, וואָס איך געהער צו יענע פּובליציסטן, וואָס האָבן גלייך פון אָנהויב אָן איינגעזען דעם אומגעהויערן באַדייט פון דעם ראַטנלענדישן באַשלוס אויסצוטיילן יענע געגנט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע, מיט דעם קלאָרן ציל, פול און גאַנץ צו נאָרמאַליזירן דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן און מאַכן אויך זיי ניט נאָר פאַר אַ גלייכבאַרעכטיגט פאָלק, נאָר אויך פאַר אַ גלייכמעכטיג פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דעם לאַנד.

און אַ גלייכמעכטיג פאָלק מיינט אַזאַ, וואָס האָט אַלע נויטיגע מיטלען נאָרמאַל צו אַנטוויקלען די אייגענע נאַציאָנאַליטעט, ד. ה., די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור.

קלאָר איז אָט דער ציל אַרויסגעצייגט געוואָרן אין יענער דערקלערונג, וועלכע קאַלינין, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע ראַטנלענדערשע רעפּובליקן, האָט געמאַכט בעת דער אָפיציעלער גרינדונג פון דעם אידישן לאַנד.

קאַלינין האָט דערקלערט — איך ציטיר זיינע אייגענע ווערטער:

„די אויסבילדונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, האַלט איך, איז פאַר אונז באַזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס דאָס גיט די מעגלעכקייט, דורך קאָנצענטרירן אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער פאָרם פון אַ מלוכה׳שער איינס, אויפהויבן אויף אַ העכערער שטופע די קולטור־שטייגערישע באַדינונג פון די דאָזיגע מאַסן און שאַפן אַ פעסטן באָדן פאַרן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.״

דער באַדייט פון אָט־די היסטאָרישע ווערטער איז ניט באַגרענעצט נאָר אויף ראַטנלאַנד. ער שפּרייזט אַריבער יענע גרענעצן. קאַלינינ׳ס

ווערטער ווענן דעם באַדייט פון אַ מלוכה׳שער איינס פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן באַקומען דעם באַדייט פון אַ פירנדיגן שטערן פאַר אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז פאַר מיר קיין ברעקל ספק ניט, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג, און דער טאָג, ווען די אויטאָנאָמע אידישע געגנט איז געגרינדעט געוואָרן, וועט דערקענט ווערן, ווי איינע פון די וויכטיגסטע דאַטעס אין אונזער געשיכטע און וועט ווערן איינער פון די שענסטע יום־טובים אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק.

וואָס איז דער באַדייט פון די יובילײ־פייערונגען פאַר ביראָ־בידזשאַן ?

די ריכטיגע אָפּשאַצונג פון דעם גאַנצן ענין ביראָ־בידזשאַן, קאָן, נאָך מיין מיינונג, געמאַכט ווערן נאָר אין דעם ליכט פון יענעם אידעאַל, וואָס שטרעבט צו דעם ראַדיקאַלסטן ענטפער אויף דער אַלוועלטלעכער אידן־פראַגע ; אין דעם ליכט פון דער אידישער ווידערגעבורט, פון דער אידישער באַפרייאונג און באַנייאונג נאַציאָנאַל, קולטורעל און סאָציאַל.

עס איז מיר שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו באַווייזן, אַז נאַציאָנאַל קענען מיר ווידערגעבוירן ווערן נאָר דעמאָלט ווען מיר באַ־העפטן זיך אין מאַסן מיט אַ טייל פון אונזער מוטער ערד, וועלכן מיר בויען אויס צו אַ חשוב׳ן מענטשלעכן ישוב און בילדן אויף אים אַן אייגענע היים אין דער פאָרם פון אַ פרייער אידישער רעפּובליק.

קולטורעל ווערן מיר באַנייט און ווידערגעבוירן, ווען מיר שאַפן אָפּ די שפּראַך־מחיצה, וואָס הערשט צווישן אונזערע געבילדעטע קרייזן, — אָט־די וואָס לעבן זיך אויס קולטורעל און שאַפן קולטור אָדער אין העברייאיש, אָדער אין אַ ניט־אידישער לאַנד־שפּראַך, — פון איין זייט, און די גרויסע פאָלקס־מאַסן פון דער אַנדער זייט ; ווען מיר שאַפן אַ קולטור־ספערע, וואָס נעמט אַריין אין זיך דאָס גאַנצע פאָלק אין דער שפּראַך פון אונזערע גרויסע פאָלקס־מאַסן — אין אידיש.

און סאָציאַל ווערן מיר ווידערגעבוירן, ווען דאָס גאַנצע לעבן ווערט ראַדיקאַל איבערגעבויט אויף די יסודות פון אַרבעט — דער אַגראַרישער, דער אינדוסטריעלער און דער אינטעלעקטועלער ; ווען פון אַ הענדלער־פאָלק ווערן מיר ווידער אַן אַרבעטס־פאָלק, ווי גאָר אַמאָל אין אונזער אַלט־אַלטער צייט.

און סאָציאַל באַנייט און באַפרייט ווערן מיר אויך דעמאָלט, ווען סיי די אידישע דערפער, סיי די אידישע שטעט ווערן צונויפגעבונדן עקאָנאָמיש און סאָציאַל דורך אַ סאָציאַל־געזעצלעכן רעזשים, וואָס לאָזט ניט צו די עקספּלואַטאַציע פון דעם אַנדערנס אַרבעט צוליב אַ פּריוואַטן פּראָפיט.

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ביראָ־בידזשאַן שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנהויב פון אַזאַ דרייפאַכער ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג. דאָס אידישע לאַנד, וואָס בויט זיך דאָרטן, איז נאַציאָנאַל שוין איצטער אַן אויטאָנאָמע געגנט, און עס איז ניט ווייט די צייט, ווען זי וועט ווערן אַ אידישע רעפובליק, ווי אַ גלייכבאַרעכטיגטער טייל פון דעם ראַטנפאַרבאַנד.

קולטורעל איז אין יענעם אידישן לאַנד שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן די שפּראַך־מחיצה צווישן די געבילדעטע און די פאָלקס־מאַסן. אידיש איז דערקלערט געוואָרן פאַר דער אָפיציעלער שפּראַך פון דעם לאַנד; און אין אידיש ווערן געפירט אַלע אָפיציעלע ענינים און עס ווערן געבויט אין אידיש קולטורעלע אַנשטאַלטן פאַר דעם אידישן פאָלק: די דערציאונגס־אינסטיטוציעס פון דער פאָלקס־שול ביז צו די אוניווערזיטעטן, דער טעאַטער, די פּרעסע און די ביכער־פאַרלאַגן.

און סאָציאַל־עקאָנאָמיש ווערט דאָס אידישע לעבן אַוועקגעשטעלט דאָרטן, — ווי אין דעם גאַנצן ראַטנלאַנד, — אויף די יסודות פון אַרבעטאָרישקייט, וואָס שליסט אויס די עקספּלואַטאַציע צוליב פּריוואַטן פּראָפיט, און ווערט שוין דורך דעם אַליין דער אַנטשיידנדיגסטער שריט אויף דעם וועג צו אַ פרייען, ריין־סאָציאַליסטישן לעבן. אין קיין אַנדער לאַנד פון אידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, — ניט אין אַרגענטינע, ניט אין ארץ־ישראל, ניט אין אַ וועלכן עס איז קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, וועגן וועלכן מען טראַכט איצטער, ווי אַ פּלאַץ פאַר אידישער מאַסן־עמיגראַציע — האָבן מיר ניט אָט־דעם קאַרדינאַלסטן באַדינג פאַר אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג. אין אָט־דעם פּרט האָט ביראָ־בידזשאַן, ווי ראַטנלאַנד בכלל, דעם קאָלאָסאַלסטן איבערוואָג איבער אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון דער וועלט. און נאָך אַ וויכטיגן גרונט־פּרינציפּ דאַרף מען האָבן אין אויג ווען מיר שטעלן אַוועק דעם אויפבוי פון דעם דאָרטיגן אידישן לאַנד אין דעם ליכט פון אונזער דרייפאַכער ווידערגעבורט, באַפרייאונג און באַנייאונג, נאַציאָנאַל, קולטורעל און סאָציאַל.

מיר זיינען איצטער אַן אַלוועלטלעך פאָלק. אין יעדן לאַנד מיט גרעסערע אידישע מאַסן, אָדער מיט דער אויסזיכט אויף אַ גרעסערער אידישער אימיגראַציע, מוזן מיר שטרעבן צו דער זעלביגער ווידער־געבורט. צו פאַרווירקלעכן זי, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך אין דעם אָדער יענעם לאַנד, מוזן מיר שטרעבן לויט אָט וועלכע לאָזונגען, וואָס קאָנען פאָרמולירט ווערן אַזוי: אומעטום! איצטער! מיט די אייגענע כוחות! מיט דער הילף פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דעם לאַנד

און אין הארמאָניע מיט זייער קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיגקייט!

אָט־די לאָזונגען דאַרפן אין איינעם בילדן דעם גרונט־פּרינציפּ פון אונזער באַפרייאונגס־קאַמף אויף די ערטער.

לאָזט מיך דאָ דערקלערן בקיצור אָט־די וויכטיגסטע לאָזונגען אָדער באַדינגונגען פון דעם גרונט־פּרינציפּ:

„אומעטום" מיינט, אַז אונזער דרייפאַכע באַפרייאונג טאָר ניט זיין פאַרבונדן נאָר מיט איין־איינציקן אויסדערוויילטן לאַנד. איך וויל מען זאָל מיך ריכטיג פאַרשטיין אין אָט־דעם פונקט. אויך מיין אידעאַל איז, אַז יעדן פאָלק זאָל אויסגעטיילט ווערן אַ געוויסער טייל פון דער מוטער ערד, און ער זאָל איבערנעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אויסצובויען דאָס לאַנד, צו פאַרוואַנדלען עס אין אַ גוטן פּלאַץ פאַר אַ חשוב׳ען מענטשלעכן לעבן אין פרייהייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלע זיינע קינדער. און ווען איך טראַכט וועגן אַזאַ אידעאַלן לאַנד פון דער גאולה שלימה פאַר אַלע קינדער פון אונזער אידישן פאָלק, קאָן ביי מיר ניט זיין קיין ספק, אַז דאָס וואָלט געדאַרפט זיין ארץ־ישראל און אַ טייל פון די שכנ׳ישע, נאָך ניט באַזעצטע לענדערייען.

אָבער אָט־דער אידעאַלער ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט לויט דעם נוסח פון „איין פאָלק—איין לאַנד" קאָן אפשר פאַר־ווירקלעכט ווערן נאָר דעמאָלט ווען די גאַנצע באַפרייטע אַרבעטאָרישע מענטשהייט וועט שוין זיין אַריינגעטראָטן אין אַן אַלוועלטלעכן סאָציאַ־ליסטישן רעזשים, ווען זי וועט ווערן דער אַבסאָלוטער באַלעבאָס איבער דער גאַנצער מוטער ערד און וועט איבערטיילן די איצטיגע פעלקער־גרענעצן, רעכענענדיג זיך מיט דעם באַרעכטיגטן ווילן פון די פעלקער און שטרעבנדיג דערצו, אַז קיין פאָלק זאָל ניט האָבן קיין וועלכן עס איז איבערוואָג איבער אַן אַנדער פאָלק.

דאָס איז אַ וווייט־ווייטער אידעאַל. מיר קענען אים ניט אַריינציען אין חשבון פאַר דער איצטיגער צייט און פאַר יענער צוקונפט, וועלכע מיר קענען כאַפּן מיטן אויג. עס פעלן נאָך אַ היפּש ביסל פאַרבאַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער אַלוועלטלעכער באַפרייאונג, וואָס איר ערשטער פאַרבאַדינג איז די אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט ביי די פעלקער. איצטער איז דער געבאָט פאַר יעדן פאָלק, צו שטרעבן צו זיין באַפרייאונג אומעטום. און פאַר אונז אידן הייסט עס שטענדיג צו האָבן אין זינען, אַז ווען מיר באַ־גרענעצן דעם אידישן באַפרייאונגס־אידעאַל נאָר אויף אַ קליינעם טייל פון דעם אידישן פאָלק, אין ארץ־ישראל, פאַרמשפּט׳ן מיר דעם גאָר

גרעסטן רוב פון דעם אידישן פאָלק צו נאַציאָנאַלער און קולטורעלער פאַרשקלאַפונג אין זייערע איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע וואוין־לענדער.

ניין! אונזער לאָזונג דאַרף זיין: באַפרייאונג אומעטום! — וואו מיר וואוינען צווישן אַ ניט־אידישער באַפעלקערונג פון אַ באַשטימטן שטאַט. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט שטאַט. כל זמן עס וועלן נאָך זיין פאַרשיידענע שטאַטן אויף דער וועלט מיט פאַרשיידענע פעלקער אין זיי, שפּילט דאָס געמיינשאַפטלעכע לעבן, ווי בירגער פון איין שטאַט, אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין זייער אַלעמענס אַנטוויקלונג. דער עיקר ווען אין שטאַט ווערט דורכגעפירט דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַלע זיינע פעלקער, ווי דאָס איז געשען אין בעלגיע, איידער היטלער האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף איר רוקן, ווי דאָס איז געשען אין שווייצאַריע און אין ראַטנלאַנד.

ביי אַלע פעלקער פון אַזאַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, ווי מען רופט דאָס, שטעלט זיך איין אַ געוויסער לעבנס־בליק, אַ געוויסער בשותפות׳שער גייסטיגער אינהאַלט, וואָס מוז פירן צו אַ געמיינשאַפטלעכער פאַר־שטענדעניש, און צו דער פאַרשטאַרקונג פון זייער צווישנפעלקערישער סאָלידאַריטעט.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַפילו מיט נאַציאָנאַלער גלייכ־באַרעכטיגונג, ווי אין בעלגיע און שווייצאַריע, ווערן אָט־די פאַרשטענדע־ניש און סאָלידאַריטעט צו אָפט געשטערט דורך דעם שווערן קאָנקורענץ־קאַמף אונטער אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. ווען אָט־דער רעזשים ווערט אָפּגעשאַפט און עס ווערט אַוועקגעלייגט דער אַרבעטאָרישער יסוד פאַר אַלע פעלקער פון דעם לאַנד, ווערט אָפּגעעפנט אַ ברייטער וועג פאַר דער פולסטער אינטימער פאַרשטענדעניש, פאַר דער ענגסטער סאָלידאַרי־טעט, חבר׳שאַפט און קעגנזייטיגער אַכטונג צווישן די פעלקער, — דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון דער גאַנצער אַרבעטאָרישער מענטשהייט. אין בירא־בידזשאַן זעען מיר שוין איצטער דעם אויפבלי פון דער פעלקער־פאַרברידערונג און פון דער אַכטונג צו אונזער פאָלק. דאַרף אונזער אַלוועלטלעך פאָלק שטרעבן צו אַזאַ צושטאַנד אומעטום!

און צו דעם באַדינג פון אומעטום קומט צו דער צווייטער באַדינג: איצטער! די אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים קאָן ניט געשען פון היינט אויף מאָרגן. די ברענענדיגע פּראָבלעמען פון אונזער דרייפאַכער ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג קאָנען ניט אָפּגעלייגט ווערן ביז עס וועט שלאָגן די לעצטע שעה פאַר דעם גאַנצן פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם. שוין היינט, נאָך אונטער דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער

הערשאפט, דארפן מיר אומעטום, וואו דאָס איז נאָר מעגלעך, לייגן די ערשטע בוי־שטיינער פאַר דעם אויסבוי פון אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל און ערד־אַרבעט בפרט, — פאַר דער באַנייאונג פון אונזער קולטורעלן לעבן אויף די יסודות פון דער אידישער שפּראַך, און פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אויף די יסודות פון אידישע קאָנצענטרירטע אַגראַר־אינדוסטריעלע ישובים און פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט אין דעם לאַנד.

און געטאָן דאַרף דאָס ווערן קודם כל, און דאָס איז דער דריטער באַדינג, — מיט די אייגענע אידישע כוחות, ווי אין ביראָ־בידזשאַן, וואו די אייגענע אידישע באַלעבאַטישקייט ווערט דורכגעפירט מיט אייגענע הענט און ניט ווי אין ארץ־ישראל, צום ביישפּיל, וואו אונזער אַגראַרישע און אינדוסטריעלע בורזשואַזע אונטערנעמונגען ווערן געבויט דער עיקר דורך פרעמדער מענטשלעכער אַרבעט, דער אידישער, ווי דער ניט־אידישער.

און אויך דאָס איז איינגעשלאָסן אין דעם לאָזונג: „מיט די אייגענע כוחות", אַז די פאָלקס־מאַסן אַליין זאָלן שטרעבן צו זייער סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער ווידערגעבורט; אַז זיי זאָלן ניט וואַרטן, ביז זיי וועלן געטריבן ווערן דערצו פון דעם אַנטיסעמיטישן אַרום, ניט וואַרטן ביז זיי וועלן אַרויסגעשטויסן ווערן איבער געוואַלד פון דעם ניט־אידישן לעבן, ווי זיי זיינען שוין אַרויסגעשלידערט געוואָרן אין דייטש־לאַנד און עסטרייך, ווי זיי פלעגן ווערן טאָג־טעגלעך אַלץ מער אַרויס־געוואָרפן אין דעם געוועזענעם פּוילן און רומעניע און כמעט גאַנץ מזרח־איירָאָפּע, אַ חוץ ראַטנלאַנד. איך רעד שוין דאָ ניט וועגן דער אומ־מעגלעכער לאַגע פון אונזער פאָלק אין יענע לענדער, וואָס זיינען איצטער פאַרגוואַלטיגט געוואָרן פון די היטלעריסטישע חיילות, מיט דער ווידער־אויפלעבונג פון די ווילדסטע מיטלאַלטערלעכע רדיפות, באַליידיגונגען, אָפּשניידן יעדע קוואַלן פון חיונה, — דאָס אַוועקשטעלן אין סכנה די עקזיסטענץ פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

עס איז דאָ גענוג גרונט צו האָפן און צו גלויבן, אַז אָט־די אומ־מעגלעכע לאַגע קאָן ניט אָנהאַלטן לאַנג. אויף די שלאַכט־פעלדער פון דעם דייטש־ראַטנלענדערשן קריג ווערט גראָד איצט אויסגעקעמפט דער היס־טאָריש אַזוי וויכטיגער קאַמף פאַר אויסראָטן דעם היטלעריזם פון דער מענטשלעכער וועלט. יעדער מענטש, וואָס איז ניט פאַר'סמ'ט מיט דער אכזר'יש־ווילדער משוגעת פון דער נאַצישער בלוטיגער שנאה צו אונזער פאָלק, מוזן וועלן מיטן גאַנצן הארצן, אַז דער העראָאישער קאַמף פון דער רויטער אַרמיי זאָל זיך ענדיגן מיט איר פולסטן טריאומף איבער די

היטלערישע חיילות און אַזוי אַרום דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם גאַנצן היטלעריזם.

אָבער מיר טאָרן זיך נ‏יט לייגן קיין פויגעלעך אין בוזעם. מיר טאָרן זיך נ‏יט לאָזן פאַרבלענדן פון דער אילוזיע, אַז מיט דעם אויסראָטן די היטלערישע ווילדקייט אין דעם איצטיגן וועלט־קריג וועט פאַרשווינדן דער אַנטי־סעמיטיזם פון דער וועלט. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע כוחות, וואָס רופן אַרויס און האַלטן אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, קאָנען נ‏יט פאַרשווינדן אין דער איצטיגער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווען די פּריוואַט־ווירטשאַפט איז אַריין אין דעם פּעריאָד פון איינדאַרן, פון שאַפן לפי ערך אַלץ ווייניגער חיונה־קוואַלן פון שטאָטישע באַשעפטיגונגען פאַר אַ לפי ערך אַלץ־וואַקסנדיגער צאָל פון קאַנדידאַטן אויף זיי.

מיר, אידן, געהערן צו די בעסט־קאָנקורירנדיגע קאַנדידאַטן אויף אַלע שטאָטישע באַשעפטיגונגען בכלל, אויף האַנדל און ליבעראַלע פּראָפעסיעס בפרט. און כל זמן עס וועט געדויערן אָט־דער פּעריאָד פון אָפּשטאַרבנדיגן קאַפּיטאַליזם, וועלן די אַנטיסעמיטישע כוחות מוזן שטרעבן דערצו, אַז מיר זאָלן אַרויסגעשליידערט ווערן פון דעם נ‏יט־אידישן עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן. „אונטער" אָט־די „רעדער פון דער געשיכטע" מוזן מיר פון אונזער זייט שטרעבן דערצו, אַז די אידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן אַרויסגיין פון אונטער די רעדער און זען מיט די אייגענע כוחות דורכצופירן די אייגענע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע באַפרייאונג.

אָבער נ‏יט ווייניגער וויכטיג איז דער פּערטער לאָזונג אָדער דער פּערטער באַדינג פאַר דעם גרונט־פּרינציפּ פון אונזער ווידער־באַלעבונג אין די וואוין־לענדער, — דער פּערטער לאָזונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער: מיט דער הילף פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דעם לאַנד און אין דער פולער האַרמאָניע מיט די שטרעבונגען פון די נ‏יט־אידישע פאָלקס־מאַסן צו זייער אייגענער באַפרייאונג.

אונזער באַפרייאונג אין אַ וועלכן עס איז לאַנד, וואו מיר זיינען אַ מינאָריטעט, קאָן נאָר דעמאָלט פאָרקומען, ווען זי וועט ווערן אַ גליד אין דער אַלגעמיינער באַפרייאונג. ווי וועט זיין צו אונז, ווען אונזער אייגענע באַפרייאונג זאָל אַריינטרעטן אין אַ קאָנפליקט מיט די באַפרייאונגס־שטרעבונגען פון די נ‏יט־אידישע פאָלקס־מאַסן פון דעם לאַנד און ווערן אַ שטער אין זייער וועג. מיר דאַרפן העלפן זיי, וועלן זיי העלפן אונז. נאָר אויף דעם יסוד פון אַזאַ קעגנזייטיגער הילף, ווען אין די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דעם לאַנד וועלן מיר גיין ווי דער אוואַנגאַרד פון דעם אידישן פאָלק און אין דעם נאָמען פון זיינע אינטערעסן און פון זיין

ווידערגעבורט; נאָר ווען די אידישע פאָלקס־מאַסן, מיט אונזער אר־בעטערשאַפט בראש, וועלן גיין אַקסל ביי אַקסל מיט די פאָלקס־מאַסן און דער אַרבעטערשאַפט פון דעם לאַנד, וועלן מיר קענען אַריבערגעווינען אויף אונזער זייט אַלע יענע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ חוש פאַר יושר און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

יעדער מענטש אַזאַ וועט מוזן סימפּאַטיזירן מיט די שטרעבונגען פון די אידישע פאָלקס־מאַסן צו לעבן אַ חשוב׳ן מענטשלעכן לעבן און אין דער זעלבער צייט אַן אייגן אידיש לעבן אויף די יסודות פון אייגענער, חשוב־מענטשלעכער אַרבעט. און מיט רעכט וועלן מיר דעמאָלט קענען דערוואַרטן, אַז זייער סימפּאַטיע זאָל זיך אויסדריקן אין קאָנקרעטע מעשים און קרעפטיגער הילף, צו דערגרייכן אונזערע צילן, ווי מיר וועלן העלפן זיי אין אַלע זייערע פּראָגרעסיווע, מענטשן־באַפרייענדיגע צילן מיט אַלץ, וואָס מיר וועלן קאָנען.

אָט־די אַלע שטריכן פון אונזער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און קול־טורעלער ווידערגעבורט און אָט־די אַלע פאָרבאַדינגען פון אומעטום, איצטער, מיט די אייגענע אידישע כוחות, מיט דער הילף פון דער פּראָ־גרעסיווער ניט־אידישער וועלט און אין האַרמאָניע מיט אירע ווייט־בליקנדיגע צילן — אָט־דאָס אַלץ, זאָג איך, ווערט פאַר אונזערע אויגן פאַרווירקלעכט אין בירא־בידזשאַן, וואו די בעסטע טראַדיציעס פון די אידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון די רעוואָלוציאָנערע, פעלקער־פאַרברידערנדיגע און פעלקער־באַפרייענדיגע העלדישע קאַמפן פון דער ניט־אידישער וועלט. דאָס ווערט פאַרווירקלעכט אין בירא־בידזשאַן, וואָס איז אַ טייל פון יענעם קאַמפּלעקס לענדער און פעלקער, אין וועלכן מיר האָבן אָפּגעלעבט הונ־דערטער יאָרן. אונזער דרייפאַכע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קולטורעלע באַפרייאונג קומט פאַר אין יענעם זעקסטל פון דער מוטער ערד, וואו אונזער געשיכטע האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט דעם געשיכטע פון דעם לאַנד.

אָט פאַרוואָס בירא־בידזשאַן, פאַרוואָס די אַרבעט אין יענעם אידישן לאַנד, פאַרוואָס די פּרינציפּן וואָס ליגן אויף דעם יסוד פון יענער אַרבעט, מוזן באַטראַכט ווערן ווי אַ „נס לארצות”, ווי אַ פאָן פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אונזערע אַנדערע וואוין־לענדער. און בירא־בידזשאַן דאַרף זיין אַ פאָן און אַ ביישפּיל ניט נאָר פאַר דער פּראָגרעסיווער אידנ־שאַפט פון אָט־די לענדער, וואו מיר וואוינען. די גרונט־פּרינציפּן פון דער אידישער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אַרבעט אין בירא־בידזשאַן דאַרפן דינען ווי אַ לויכטנדיגער פירנדיגער שטערן אין וועג אויך פאַר די

נייע לענדער, וואָס ווערן איצטער געזוכט פאַר דער אידישער עמיגראַציע.

לאָזט מיר אייך זאָגן, אַז מיר טאָרן בשום אופן ניט געהערן צו יענע פון אונזער ראַדיקאַלן לאַגער, וואָס זעען אין דער נייער לענדער־זוכעניש אַ מין פאַרברעך אַנטקעגן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. עמיגראַציע איז ניט קיין זינד. זי איז אַ צרה, אָבער ניט קיין פאַרברעך. אָבער אין וועלכן נייעם ווילדן אָדער אָפּגעשטאַנענעם לאַנד עס זאָל איצטער געפונען ווערן אַ פּלאַץ פאַר אַ פרייער אידישער עמיגראַציע, מוזן מיר תמיד געדענקען, אַז אומעטום, אויך אין די ווילדסטע לענדערייען, זיינען דאָ פעלקער, אָדער שבטים, וואָס האָבן פּונקט אַזאַ רעכט אויף זייער פרייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, ווי מיר. עס טאָרן דעריבער אין ערגעץ ניט זיין קיין הערשנ־דיגע אָדער אונטערדריקטע פעלקער. אומעטום מוז מען שטרעבן צו נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג.

ראַטנלאַנד בכלל און בירא־בידזשאַן, ווי אַ טייל פון דעם לאַנד, אין וועלכן עס וואוינען אויך ניט־אידישע פעלקער, בפרט, גיבן אונז אַ ביי־שפּיל, ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט פאַרענטפערט אין אַ נאַציאָנאַלי־טעטן־שטאַט. דאָס איז דער אידעאַל, וואָס דאַרף באַלויכטן אונזער וועג אומעטום. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז בירא־בידזשאַן איז נאָך ווייט ניט אויסגעבויט ווי אַ אידיש לאַנד. די קריטיקער פון בירא־בידזשאַן טייטלען מיט די פינגער אויף דעם פאַקט, וואָס די אידישע באַפעלקערונג אין בירא־בידזשאַן איז נאָך לפי ערך גאָר אַ קליינע. דאָס איז אמת. אָבער די קריטיקער פאַרגעסן דערביי גאָר אַ קלייניקייט:

פּיאָנערן־לענדער ווערן אויפגעבויט גראָד אַזוי, אַז אין די ערשטע יאָרן וואַקסט דער ישוב נאָר אין אַן אַריפמעטישער פּראָגרעסיע: פון איינס אויף צוויי, פון צוויי אויף דריי. ערשט ווען אין דעם לאַנד ווערן געלאָזן טיפע וואָרצלען, וואָס באַדעקן אַ גרעסערן שטח, הויבט דער ישוב אָן בדרך כלל צו וואַקסן אין אַ געאָמעטרישער פּראָגרעסיע: פון צען אויף צוואַנציק, פון צוואַנציק אויף פערציג, ווי דאָס איז געשען דאָ אין לאַנד.

אויב די דערגרייכונגען אין בירא־בידזשאַן שטייען ניט אויף אַ הויך, וואָס זאָל זיין אָנגעמאָסטן אָן דער הילף פון דער סאָוועטישער רעגירונג, מוז דאָך די שולד פאַלן אויף דעם גרעסטן טייל אויף דער אידישער באַ־פעלקערונג גופא, וואָס איז אין ראַטנלאַנד אָנגעפירט געוואָרן פון דער אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענציע. דעם אידישן פאָלק אין ראַטנלאַנד איז נאָך ניט קלאָר געוואָרן דער ווילן צו אַן אייגענעם נאָרמאַלן פאָלקס־לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד.

אויך ביי דער אידנשאַפט אין ראַטנלאַנד, וואָס איז הונדערטער און הונדערטער יאָרן געווען אָפּגעריסן פון דער ערד, הערשט נאָך דאָס שטרעבן איינצואָרדענען זיך אין די שטעט, מיט זייערע שאַנסן פאַר גרינגערע פּרנסות. אָבער אין ראַטנלאַנד הויבט אָן ארויסצוטרעטן די שטאַרקסטע טענדענץ, אַז אויך די אידישע באַפעלקערונג זאָל, לויט אירע באַשעפטיגונגען, זיך ניט אָפּשיידן פון די אַנדערע פעלקער. אין בירא־בידזשאַן, אין אַ אידישן לאַנד, וועט די דאָזיגע טענדענץ קענען פאַרווירקלעכט ווערן הונדערט־פּראָצענטיג. אידישע שטעט און אידישע דערפער וועלן שטיין אין דער נויטיגער סאָציאַל־עקאָנאָמישער האַרמאָניע.

— „יאָ", — זאָגט מען אונז ווידער, — „אָבער דער קלימאַט אין בירא־בידזשאַן איז דאָך אַזאַ אוממעגלעכער: די פליגעלעך אליין פון די דאָרטיגע זומפּן קענען דאָך פאַראומערן דאָס גאַנצע לעבן! היינט די אוממעגלעכע רעגנס מיט די שרעקלעכע פאַרפלייצונגען! היינט די טיגערן אין די וועלדער! היינט . . ." איך געדענק שוין ניט נאָך וואָס.

אויך איך מוז מודה זיין, אויפן גרונט פון אלץ, וואָס איך האָב געלייענט וועגן דער אמור־געגנט, אַז וואָס אַן אמת, בירא־בידזשאַן איז אַ שווער שטיקל לאַנד. אָבער דער וואָס איז באַקאַנט מיט דער איצטיגער קאָלאָניזאַציע־טעכניק אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, ווייסט, אַז אויך די נאַטירלעכע לעבנס־באַדינגונגען פון אַ ווילדן לאַנד קאָנען געענדערט ווערן צום גוטן. אויך אויף די ווילדע און אומפריינטלעכע לענדער לייגט דער מענטש ארויף זיין מעכטיגע האַנט און שפּאַנט זיי איין אין דעם וואָגן פון זיין ווילן. און דערצו: קאָנען מיר דען דערוואַרטן, אַז מען וועט אונז, אידן, אונטערטראָגן אַן ארץ זבת חלב ודבש, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניג — אונטערטראָגן ווי אַן אָפּגעשיילטע אייעלע אויף אַ טעלערל?

אַן אָפּגעשיילט אייעלע וועט מען אונז אין ערגעץ ניט געבן. און אפשר איז דאָס גאָר אַ יושר, מיר זאָלן זיך אליין אוועקשטעלן אין די האַרטסטע באַדינגונגען. און אָט פאַר וואָס:

מענטשן קעמפן מיט דער אומפריינטלעכער נאַטור, זינט זיי זיינען מענטשן, דער עיקר, זינט זיי זיינען געוואָרן ערד־אַרבעטער. דאָס איז דעם מענטשנס מיסיע אויף דער ערד, צו באַצווינגען זי, צו געוועלטיגן איבער די נאַטור־כוחות און נאַטור־דערשיינונגען. דאָס איז אַ מיסיע, וואָס דער מענטש האָט געגעבן זיך אליין. אויך מיר האָבן אַמאָל, אַמאָל געדינט איר אין דער פולסטער מאָס, ווען מיר האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. אָבער די אייראָפּייאישע אידן האָבן הונדערטער און הונדערטער יאָרן אָפּ־

געלעבט און ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם פּראָצעס פון דירעקט איינגעמען די ערד און געוועלטיגן איבער די נאַטור־כוחות.

עס איז אפשר דער געבאָט פון אַ העכערן יושר, אַז אויך אויף אונז זאָל אויספאַלן דער גורל אָנצוטאָן אַ צאַם אויף דער ווידערשפּעניגער נאַטור, איינצונעמען ווילדערנישן, און פאַרוואַנדלען זיי אין גן־עדנ׳ס פאַר אַ גליקלעכן מענטשלעכן לעבן.

עס איז ניט קיין חוב. מאָדערנע טעכניק, וויסנשאַפט און שטאַרקער ווילן קענען אונז פאַרשפּאָרן דעם גרעסטן טייל פון אונזער מי און מאַטערניש.

אָבער ווען די אומשטענדן זיינען פאַר אונז געוואָרן אַזוינע, אַז מיר מוזן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון געוועלטיגן איבער דער נאַטור, פון איינשפּאַנען די ווילדע נאַטור אין דעם וואָגן פון מענטשלעכע צילן, פון דינען דער מוטער ערד פריער, איידער זי וועט אונז קענען באַצאָלן פאַר אונזער מי און מאַטערניש, — איז זאָלן מיר דערינען ניט זען קיין שטראָף פון זיין ליבן נאָמען, אָדער אַ שרעקלעכע אַוולע, וואָס אונזער גורל באַגייט מיט אונז, — לאָמיר זען דערין אַ הויכע, העראָאישע, חשוב־מענטשלעכע מיסיע.

און נאָך אַ האַרבע שאלה הער איך אָפּט, ווען איך רעד וועגן דער באַדייטונג פון בירא־בידזשאַן פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פונעם אידישן פאָלק. מען פרעגט: ווי קאָן מען רעדן וועגן באַפרייאונג אונטער אַ דיקטאַטור? נעמט דען ניט אַוועק די דיקטאַטור יעדן שאָטן פון פרייהייט ביי יעדן איינעם? מיט וואָס איז דען די ראַטנ־לענדערשע דיקטאַטור בעסער, איידער די פון מוסאָליני אין איטאַליע און היטלער אין דייטשלאַנד?

אויך אָט־די האַרבע שאלה דאַרפן די פריינט פון בירא־בידזשאַן אַראָפּראַמען פון וועג. קודם מישט מען דאָ צונויף די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג מיט דער פּאָליטישער פרייהייט. קולטורעל, נאַציאָ־נאַל ווערן די אידן אין בירא־בידזשאַן באַפרייט פון דער אַסימילאַציע מיט דעם ניט־אידישן אַרום, וואָס גייט נאָך איצטער אָן אין די אַלטע וואוין־ערטער און גראָבט אונטער די נאַציאָנאַל־קולטורעלע עקזיסטענץ גופא פון אונזער פאָלק. סאָציאַל זיינען די אידישע פאָלקס־מאַסן פון ראַטנלאַנד אומעטום באַפרייט געוואָרן פון דער פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אין בירא־בידזשאַן ווערן מיר באַפרייט אויך פון יענער פאַרהויקערטקייט אין אונזער סאָציאַלן בנין, וואָס באַשטייט אין אונזער עקזיסטענץ, ווי אַ שטאָטישע און שטעטלשע באַפעלקערונג. נאָר אין דעם

אייגענעם לאַנד, מיט אייגענע דערפער און אייגענע שטעט, ווערט דער אָרגאַניזם פון אונזער פּאָלק ווידער אַ נאָרמאַלער פּאָלקס־אָרגאַניזם מיט אַלע זיינע נויטיגע גלידער.

ס'איז אמת, אַז פּאָליטיש מוזן אויך די אידן טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַ שאַרפער דיקטאַטור, ווי אַלע פעלקער פון דעם לאַנד. עס איז ניט דאָ דער אָרט אויפצוהויבן די פראַגע, צי די באַפרייאונג פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים האָט אין ראַטנלאַנד געמוזט זיין און מוז נאָך איצטער זיין פאַרבונדן מיט אַ שווערער פּאָליטישער דיקטאַטור. אָבער אויך די פון אונז וואָס גלויבן, אַז סאָציאַליזם קאָן אומעטום געבויט ווערן אין אַ פּאָליטיש־פרייהייטלעכן רעזשים, מאַכן ניט נאָר אַ גרויסן טעות, נאָר באַגייען אַ פּשוט'ן פאַרברעכן ווען מען מישט אין איין טאָפּ צונויף די דיקטאַטור אין ראַטנלאַנד מיט דער דיקטאַטור פון אַ היטלער און אַ מוסאָליני. אויך פּאָליטיש הערשט אַ געוואַלדיגער תהום צווישן דער פאַשיסטישער און דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור.

דער פאַשיזם און דער נאַציזם לייקענען אָפּ די פּאָליטישע פרייהייט אין פּרינציפּ. ביידע דריקן אַרויף אויף די פּאָלקס־מאַסן דעם גלויבן, אַז די פאַשיסטישע אָדר נאַציסטישע דיקטאַטור איז דער העכסטער אידעאַל פאַר אַ פּאָליטישן לעבן. היטלער באַרימט זיך, אַז זיין „רייך" איז אַ טויזנט־יאָריגער רייך. מוסאָליני האַלט אין איין איינשמועסן די איטאַליענער, אַז זיין רעזשים איז דער צוקונפטיגער רעזשים פון דער גאַנצער מענטשהייט.

גאַנץ אַנדערש — די קאָמוניסטישע דיקטאַטור אין ראַטנלאַנד. זי לאָזט קיין מאָל ניט דורך די געלעגנהייט אויפצוקלערן דעם עולם, אַז אַ דיקטאַטור איז נאָר אַן איבערגייענדיגע לעבנס־נויט און קאָן קיין מאָל ניט זיין דער אידעאַל פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. דער אידעאַל בלייבט פאַר די קאָמוניסטן די אַבסאָלוטע פרייהייט פון יעדן יחיד. אין דער צוקונפט, לערנט דער קאָמוניזם, וועט דער גאַנצער שטאַט אָפּגעשאַפט ווערן מיט אַלע זיינע געזעצן און אַרויפגעצוואונגענע באַפעלן. אין אָט־דעם גייסט פון באַשאַפן עקאָנאָמישן פאָרבאַדינגונגען פאַר דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון יעדן יחיד ווערן דערצויגן די גרויסע פּאָלקס־מאַסן אין ראַטנלאַנד, נאַטירלעך, אויך די אידישע. דורכגעדרונגען פון אָט־דעם גייסט, ווערט גראַד די קאָמוניסטישע יוגנט, וואָס וועט מוזן ווערן דער באַלעבאָס אויף דעם היסטאָרישן גורל פון די ראַטנלענדערשע פעלקער. דער ערשטער פאָרבאַדינג דערצו איז — איצטער: ראַטנלאַנד זאָל אַרויס אַ טריאומפירנדיגע פון דעם צונויפפּראַל אירן מיט אירע ערגסטע שונאים — די פאַשיאָ־נאַציסטישע לענדער — און אַז אויך שפּעטער זאָל דאָס

לאַנד ניט געשטערט ווערן אין זיין אַנטוויקלונג ניט פון אינעווייניגסטע, ניט פון דרויסנלעכע פיינט.

ניט נאָר אין די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק און פון ביראָ־בידזשאַן, ווי אַ צוקונפטיגע אידישע רעפּובליק, נאָר אויך אין די אינ־טערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט און פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס מוזן מיר אַלע אָנשטרענגען אַלע אונזערע קרעפטן, כדי ראַטנלאַנד זאָל גובר זיין אַלע פיינטלעכע כוחות, וואָס פירן איצטער דעם קריג אַנטקעגן איר, כדי זי זאָל וואָס שנעלער קאָנען ווידער אויפבויען אַלץ, וואָס איז אין דעם איצטיגן בלוטיגן צונויפשטויס צעשטערט געוואָרן, און זאָל ווידער קאָנען פרידלעך בויען דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פאַר אַ פריי־הייטלעך־סאָציאַליסטישן בנין. דעמאָלט וועט שוין די דאָרטיגע יוגנט אַליין געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַראייניגן סאָציאַליזם און פרייהייט, וואָס איז דער צוקונפטס־אידעאַל פאַר יעדן איינעם אין יענעם לאַנד.

אָבער דער עיקר ענטפער אויף דער שאלה פון דיקטאַטור איז אַזאַ: פּאָליטישע רעזשימען זיינען ניט אייביג. זיי קומען און גייען. פעלקער לעבן זיי איבער. ווען די אידן אין בירא־בידזשאַן וועלן ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק אין יענעם רייכן לאַנד און זיינע קינדער וועלן, ווי מענטשן, גע־וועלטיגן איבער אירע רייכע נאַטור־אוצרות, איז דאָ אַ באַרעכטיגטע האָפענונג, אַז אויך דאָס אידישע פאָלק וועט דאָרטן ווערן אַ פריי פאָלק, לעבן אין אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און אין אַן ענגער פאַר־ברידערונג מיט אַלע פרייע פעלקער פון דעם ראַטנלאַנד.

לאָמיר דעריבער ווינטשן פון גאַנצן הארצן דעם אידישן אויטאָנאָמען ישוב אין בירא־בידזשאַן, אַז קיין פיינטלעכע קראַפט, — ניט פון דרויסן, ניט פון אינעווייניג, — זאָל ניט שטערן זיין ווייטערדיגן וואוקס, און אַז דאָס לעבן אין דעם נייעם אידישן לאַנד זאָל באמת ווערן אַ מוסטער פון אַ חשוב׳ן מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד.